ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# שבט מוסר

## פרשת יתרו

אידיש

**517**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ח לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# פרק שבעה-עשר

## ◆ יתרו ◆

אין דעם פרק ווערט ערקלערט די וויכטיגקייט פון חינוך הבנים, די שיינקייט פון די מדה פון ענוה און די שעדליכקייט פון גאוה, ווי אויך וועגן דעם וואס עס געשעט מיט א מענטש איידער ער גייט אַוועק פון דער וועלט.

דער ספר האָט במשך פון זיינע הונדערטער יאָרן עקזיסטענץ מדריך און מחנך געווען טויזנטער אידישע קינדער אויפן ערלעכן אידישן וועג.

# אינהאַלט
## פון זיבעצענטער פרק


א. די וויכטיגקייט פון דערציען קליינע קינדער אין אויבערשטנס וועגן, און וועגן דער שאָדנט פון טאַטע און מאַמע וואָס "דערבאַרעמען" זיך אויף זייערע קינדער ........ ג
ב. אַ מענטש זאָל וואָרפן אַ פחד אויף זיין בני בית מיט ישוב הדעת. אָבער ער זאָל זיך נישט בייזערן, ווי אויך נישט מיט איבערגעטריבענע פאָרכט. ........ ו
ג. ער זאָל מכבד זיין זיין ווייב אַזוי ווי זיך אַליין ........ ז
ד. די שאָדנט פון די ווייבער וואָס שעלטן און לערנען אויס זייערע קינדער צו שעלטן ........ ז
ה. די שאָדנט פון עלטערן וואָס זאָגן אָן דעם מלמד פאַרן זוניס אויגן ער זאָל אים נישט שלאָגן ........ ח
ו. דער מלמד דאַרף נאָכפאָרשן דאָס קינד ווי אַזוי ער פירט זיך מיט קיום המצוות און דרך ארץ ........ ח
ז. דער שאָדן וואָס קומט אויף דעם מענטש צוליב די מדה פון גאוה ........ ט
ח. דער לאו פון "לא תשא" איז האַרבער פון אַלע לאוין וואָס זענען דאָ אין די עשרת הדברות ........ ט
ט. די שלעכטע מדה פון ווייבער וואָס זענען געוואוינט צו שווערן ביים לעבן פון זייערע מענער ........ י
י. די ווייבער האַלטן זיך גרויס, און ווייסן נישט וועגן דעם שאָדן וואָס קומט צוליב דעם. ........ י
יא. וויפיל שלעכטע גזירות זענען געקומען אויף אים צוליב די גרויסהאַלטעריי ..... יא
יב. וועגן צניעות פאַר ווייבער ........ יא
יג. שטראָף רייד פאַר מענטשן וואָס קומען אין שוהל אויף אַ מינוט, און דערצו רעדן זיי נאָך די גאַנצע צייט ווען זיי זענען דאָרט. עס איז כדאי אָוועקצושטעלן אַ מענטש וואָס אָנצושרייען די מענטשן וואָס רעדן אינמיטן דאַווענען ........ יב
יד. נאָך וועגן די שענדליכקייט פון גאוה ........ יג
טו. וועגן די מעלה פון די מדה פון ענוה ........ יג
טז. ענוה וואָס איז פסול ........ יד
יז. אין זעקס וועגן דערקענט מען די אמת'דיגע ענוה ........ יד
יח. נאָך וועגן די מעלה פון די מדה פון ענוה ........ טו
יט. אַ סאַך ביישפילן ווי אַזוי שפלות איז גורם אַז דער מענטש זאָל געראַטעוועט ווערן פון שאָדן, און נאָך אַנדערע מעלות פון שפלות. ........ טו
כ. דער סדר פון די פטירה פון דעם מענטש פון דער וועלט – פון ספר הזהר ........ טז
כא. דער מענטש דאַרף מאַכן גרויסע באַמיאונגען ווי לאַנג עס איז נאָך אין זיין האַנט צו פאַרריכטן זיינע מעשים, כדי אַרויסצוגיין פון ריין דער וועלט, אַזוי ווי ער איז געקומען ........ כ

# פרק שבעה-עשר

## די וויכטיגקייט פון דערציען קליינע קינדער אין אויבערשטנס וועגן, און וועגן דער שאַנדע פון טאַטע און מאַמע וואָס "דערבאַרעמען" זיך אויף זייערע קינדער

**יוכיח** המבין וידריך **המשכיל**, זאָל שטראָפן דער פאַרשטאַנדיגער און דער קלוגער זאָל מדריך זיין זיינע קינדער פון זייער גאָר יונגהייט אָן, אין די וועגן פון דעם אויבערשטן.

**מיד,** באַלד ווען די קינדער הייבן אָן צו רעדן, זאָל דער פאָטער זיי געוואוינען אַז אויף אַלץ וואָס זיי וועלן עסן, זאָלן זיי זאָגן "אמן" דערנאָך. ווען זיי ווערן גרעסער, זאָל ער זיי צוגעוואוינען מיט דעם פסוק "תורה צוה לנו משה", און נאָך ענליכע פסוקים, אַזוי ווי דער רמב"ם שרייבט, און דערנאָך זאָל ער זיי צוגעוואוינען צו מאַכן אַ ברכה איבער זייער עסן און טרינקען.

**און** איך האָב געזען אין אַ ספר וואָס הייסט "**אורך ימים**", שרייבט ער דאָרט, איך האָב געזען פיל קינדער גייען נאָך דעם ווילן פון זייער האַרץ, זיי ווערן דערוואַקסן אָן דערציאונג און אָן דרך ארץ, נאָר באמת קען מען דערויף נישט באַשולדיגן די קינדער, נאָר זייערע פאָטער און מוטער זענען שולדיג אין דעם, ווייל זיי טראַכטן נישט צו זען וואָס עס קען אַרויסקומען דערפון, און זיי פאַרמיידן שטראָף און פאָרכט פון די קינדער קליינערהייט, און ווען זיי ווערן גרויס ווילן זיי שוין נישט הערן.

**לכן,** דעריבער, כדי צו פאַרמיידן דאָס אומגליק, האָב איך מיך געשטאַרקט צו מאַכן אַ קליין ספר אין דעם ענין פון שטראָף פאַר קליינע קינדער, און איך בין געקומען דערמאַנען ווי אַזוי מען זאָל זיך פירן מיט קליינע קינדער, און אין דעם כלל וועל איך דערמאַנען מענער

און ווייבער אַז זיי זאָלן גיין אין רעכטפאַרטיגן וועג ערליך צו האַלטן פאָטער און מוטער, כדי זיי זאָלן לאַנג לעבן.

**אב ואם,** דער פאָטער און מוטער מיינען אַז זיי האָבן ליב זייערע קינדער, אָבער באמת האָבן זיי פיינט די קינדער, ווי שלמה המלך ע"ה האָט געזאָגט: דער וואָס פאַרמיידט זיין רוט, דער האָט פיינט זיין זוהן, אָבער דער וואָס האָט אים ליב, דער שטראָפט אים יעדן טאָג, ווייל אַ קינד, וויבאַלד ער קריגט נאָר שכל צו פאַרשטיין אַ געשריי, זענען זיינע פאָטער און מוטער מחויב אָנצושרייען אויף אים אַז ער טוט אַן אומרעכט.

**ועתה,** אָבער אין דער היינטיגער צייט, נישט נאָר וואָס זיי שרייען נישט אָן אויף אים, נאָר זיי פרייען און באַרימען זיך נאָך מיט די חכמה פון קינד, וואָס ער ווייסט צו טאָן שלעכטס, און זיי לערנען אים צו שעלטן און צו רעדן שלעכטע רייד, און אויך טוען זיי גאָר זיין ווילן, סיי אין עסן און סיי אין אַנדערע זאַכן.

**יש,** אַ טייל עלטערן געבן אַ קינד אַ ספר ער זאָל זיך שפּילן מיט דעם ספר, און ער צורייסט דעם ספר. דאָס איז אַ גרויסע זינד. אויך זענען דאָ אַלטע מענטשן וואָס זיי לייגן דעם מחזור אָדער די תפילין אויף דעם אָרט וואו זיי זיצן, און דאָס איז אַ גרויסער זלזול.

**הקטן,** דאָס קינד זעצט זיך עסן מיט'ן פאָטער און מוטער און ער שטרעקט אויס זיין האַנט צו עסן פריער פון אַלע, דורכדעם ווערט ער דערוואַקסן אָן דערציאונג, אָן דרך ארץ, ביז ער ווערט אַלט אַכט-ניין יאָר, דעמאָלט ווילן שוין די פאָטער און מוטער פאַרריכטן דאָס וואָס זיי האָבן פריער פאַרקרומט, אָבער זיי קענען שוין נישט פאַרריכטן, ווייל דאָס קינד וויל שוין אַזוי ווי ער איז געוואוינט געוואָרן, און אַז מען וועט אים דאָס נישט געבן וועט ער שעלטן דעם פאָטער און די מוטער.

**ומי,** אין דעם איז נאָר שולדיג זייער ליבשאַפט און רחמנות וואָס איז נישט לשם שמים, און די דאָזיגע ליבשאַפט און דערבאַרעמדיגמקייט ווערט איבערגעקערט צו אומדערבאַרימקייט, ווייל זיי האָבן פריער פאַרמיטן די פּאָרכט און די שטראָף פון אים, און היינט אַז ער ווערט גרויס וואַרפט דאָס קינד פּאָרכט אויף זיי. זיי האָבן אים שוין מורא צו שטראָפן ער זאָל נישט ח״ו כופר זיין.

**ואם,** און אויב עמיצער פרעגט זיי, פאַרוואָס פאַרמיידט איר שטראָף פון דעם קינד? ענטפערן זיי אַז עס איז שכיח אַ מגיפה ר״ל האָבן מיר דעריבער מורא אים צו שטראָפן, כדי ער זאָל זיך נישט אינגאַנצן אָפּטאָן פון אידישן וועג. אָבער דער ענטפער איז פאַלש, ווייל די תורה זאָגט: האַלט ערליך דיין פאָטער און מוטער כדי דו זאָלסט לאַנג לעבן. און זיי פאַרמיידן די פּאָרכט פון דעם קינד, און דורך דעם וועט ער דאָך אויף זיך נישט מקבל זיין די מצוה פון ערליך האַלטן פאָטער און מוטער, און זיי זענען נאָך גורם אַז ער זאָל ווערן אַ חייב מיתה, ווייל דער וואָס שעלט זיין פאָטער און מוטער איז חייב מיתה, און ווי קען דאָס אַרויפגיין אויפן שכל אַז דאָס קינד זאָל געשטראָפט ווערן ח״ו, ווען זיי וועלן אים מדריך זיין אין די וועגן פון דער תורה, און ווי קען מען טראַכטן אומרעכט אויף די משפּטים פון דעם אויבערשטן ברוך הוא.

**ועוד,** אויך זע די נאַרישקייט פון דעם ענטפער, ווייל די קינדער וואָס מען טוט זיי נאָכגעבן זייער ווילן, שטאַרבן זיי דווקא אין דער מגיפה אָדער פון אַנדערע קרענק רחמנא ליצלן. איז געדרונגען אַז די גוטע שטראָף-רייד זענען נישט גורם דאָס שטאַרבן, נאָר אדרבא, די זינד איז עס גורם. און אַדרבא, אין דעם זכות פון די גוטע שטראָף ווערט ער ניצול פון טויט.

**יש,** אַ טייל ענטפערן אַז וויבאַלד דאָס קינד ווערט געבוירן מיט אַ שלעכטע טבע העלפט אים שוין נישט קיין שטראָף. דאָס איז

אויך נאַריש און פאַלש, און אויף דעם האָט שלמה המלך געזאָגט **"אולת קשורה בלב נער"**, ווען דאָס נאַרישקייט איז אָנגעקניפּט אין דעם האַרץ פון אַ קינד, דאָס הייסט זיין שלעכטע טבע איז אָנגעקניפּט אין דעם האַרץ, פונדעסטוועגן **"שבט מוסר ירחיקנה ממנו"**, מיט אַ רוט פון מוסר וואָס ער שטראָפט אים ביסלעכווייז קען ער עס פון אים דערווייטערן.

**וכן,** אויף פיל ערטער וואָרנט ער אָן צו שטראָפן די קינדער, ווייל דאָס ווענדט זיך נישט אין דער טבע, נאָר אין דער רגילות, און אויב ער איז נישט געוואוינט קליינערהייט אין פאָרכט און מוסר, דערנאָך, ווען ער ווערט גרויס, וועט ער קיין כבוד נישט אָפּגעבן צו דעם אויבערשטן, און אויך נישט צו פאָטער און מוטער, און ווי אַזוי קען ער זוכה זיין צו לעבן לאַנג?

**אַ מענטש זאָל וואַרפן אַ פחד אויף זיין בני בית מיט ישוב הדעת. אָבער ער זאָל זיך נישט בייזערן, ווי אויך נישט מיט איבערגעטריבענע פאָרכט.**

**ב. אמנם,** אָבער די פאָרכט און שטראָף מוז דער פאָטער טוהן מיט ישוב הדעת און נישט מיט כעס, אַזוי ווי אונזערע חכמים האָבן געזאָגט אַז אַ מענטש זאָל נישט וואַרפן אַן איבעריגע מורא אין זיין הויז.

**ודע,** און ווייס אַז אויף דעם אָרט וואו עס איז דאָ כעס, דאָרט זענען אָנגעגרייט מזיקים צו שעדיגן, דער אויבערשטער זאָל אונז היטן פון זיי. און בפרט אין דער צייט ווען עס איז שכיח אַ מגיפה ר"ל, דעמאָלט זענען דאָ פיל מזיקים און דאָס שלאָגן וואָס קומט צוליב כעס באַהעפט זיך די מכת מגיפה מיט דעם שלאָגן, און דאָס האָבן מיינע אויגן געזען.

**ולכן,** דעריבער זאָל יעדער מענטש געוועלטיגן אויף זיין כעס, און אויב ער דאַרף וואַרפן אַ מורא איבער זיין הויז געזונט, זאָל ער

מאַכן אַזעלכע תנועות, גלייך ווי ער איז אין כעס, אָבער זיין דעה זאָל זיין מיושב, און ער זאָל זיין זייער געוואָרנט נישט צו שעלטן זיין ווייב און קינדער.

## ער זאָל מכבד זיין זיין ווייב אַזוי ווי זיך אַליין

**ג. וכן,** און אַזוי אויך טאָר אַ מענטש נישט שלאָגן זיין ווייב, ווייל עס איז געפונג פאַר די פרוי וואָס זי ליידט צער פון גידול בנים, און אויף איר ליגט די גאַנצע באַדערפעניש פון דער שטוב, און אויב זי טוט אַ זאַך וואָס אים געפעלט נישט, זאָל ער איר פאַררעכטן מיט ווייכע רייד און ער זאָל זי נישט שעלטן.

**חייב,** יעדער מענטש איז מחוייב צו געבן כבוד פאַר זיין ווייב מער ווי פאַר זיך אַליין, ווייל דער עיקר פון הויז איז נאָר די פרוי.

## די שאַנדע פון די ווייבער וואָס שעלטן און לערנען אויס זייערע קינדער צו שעלטן

**ד. הנשים,** די ווייבער שעלטן די קינדער פון שטוב מיט מגיפה און אַנדערע קללות רח"ל.

**צריך,** דער מענטש דאַרף וואָרענען זיין ווייב און הויז געזונט, אַז קיין קללות זאָלן נישט אַרויסגיין פון זייער מויל, ווייל דער שטן איז מקטרג דערויף און דערמאַנט זייערע זינד, און אויף די דערמאַנונג פון זינד קען חלילה רוען די קללה, דער אויבערשטער זאָל אונז מציל זיין דערפון.

**רבים,** מען דאַרף לערנען אַ קינד גוטע רייד און געבן ברכות צו מענטשן, אָבער שלעכטע רייד און קללות באַדאַרף מען אים נישט לערנען, ווייל דאָס וועט ער קענען ממילא.

## די שאַנדע פון עלטערן וואָס זאָגן אָן דעם מלמד פאַרן זונ׳ס אויגן ער זאָל אים נישט שלאָגן

**ה. עוד,** עס איז אַ שלעכטער מנהג וואָס דער פאָטער און די מוטער זאָגן אָן דעם מלמד פאַר די אויגן פון קינד ער זאָל אים נישט שלאָגן, ווייל ווען דאָס קינד הערט אַז דער מלמד האָט נישט קיין דערלויבעניש אים צו שלאָגן, לערנט ער נישט.

## דער מלמד דאַרף נאָכפאָרשן דאָס קינד ווי אַזוי ער פירט זיך מיט קיום המצוות און דרך ארץ

**ו. אמנם,** ס׳איז אמת אַז דער מלמד איז נישט יוצא אויב ער וואַרפט נישט קיין מורא אויף די קינדער, זיי מדריך צו זיין אין גוטן וועג. דעריבער דאַרף דער מלמד נאָכזוכן אויב דאָס קינד הערט זיין פאָטער און מוטער, און אויב ער וואַשט זיך און מאַכט אַ ברכה המוציא און בענטשט, און אויב ער איז צופרידן מיטן עסן, און ער זאָל אים צוגעוואוינען צו גיין אין שוהל דאַוונען און ענטפערן אמן, און ער זאָל נישט רעדן אין שוהל, און ער זאָל מדקדק זיין אויף די קינדער, זיי צוגעוואוינען אין מצוות און אין דרך ארץ, און פאַר דעם מעג דער מלמד נעמען געצאָלט, נישט פאַר דעם לערנען. אָבער די פאָטער און מוטער וואָס דעקן צו די זינד פון דעם קינד וועלן חרטה האָבן.

**בקיצור,** די בעסטע עצה איז, אַז דער פאָטער און די מוטער זאָלן צוגעוואוינען דאָס קינד מיט מורא, מוסר און דרך ארץ, און אַז ער וועט עלטער ווערן וועט ער זיך נוהג זיין מיט פאָרכט און מיט כבוד צו דעם אויבערשטן און צו זיין פאָטער און מוטער, און דורך דעם וועט ער לאַנג לעבן און וועט געפינען חן ביים אויבערשטן און ביי מענטשן, און אַלע וועלן זאָגן: געבענטשט זאָל זיין דער וואָס האָט אויפגעצויגן אַזאַ קינד. און דער וואָס גיט נאָך דעם קינד, וועט דאָס קינד באַקומען גאוה, דעריבער וועל איך שרייבן דעם שאָדן פון גאוה.

## דער שאָדן וואָס קומט אויף דעם מענטש צוליב די מדה פון גאוה

**ז. ודע,** זאָלסט וויסן אַז גאוה איז דער אָנהייב פון אַלע שלעכטע מדות. אַ בעל גאוה טוט נישט קיין מצוה פאַרן אויבערשטענס וועגן, נאָר פון גאוה. ער איז שטענדיג חס אויף זיין כבוד און נישט אויף דעם כבוד פון דעם אויבערשטן, און אַ פשיטא אויף דעם כבוד פון מענטשן, און ער גרויסט זיך מיט דער שאַנד פון זיין חבר, און ער זאָגט רכילות אויף אַלע מענטשן און רעדט מיט גאוה און פאַרדרייט זיין פנים פון אַן אָרימאַן, און אויך גייט ער געקליידעט מיט גאוה, און אַז ער האָט נישט, זעט ער צו גנב׳ענען און גזל׳ענען. אַ בעל גאוה זוכט שטענדיג נאָך הערשאַפט, און ער קומט צו פיינטשאַפט און קריגעריי.

**צא,** לערן עס פון קרח, ווייל ער האָט זיך גרויס געהאַלטן האָט ער געזוכט הערשאַפט און צום סוף איז ער אַריין לעבעדיגערהייט אין גיהנם, און זע וואָס פאַר אַ שלעכטקייט די גאוה און מחלוקת איז, אַז אפילו זייגענדיגע קינדער, וועלכע האָבן דאָך אַוודאי נישט געזינדיגט, זענען אויך פאַרלוירן געוואָרן מיט קרח.

**אמר,** דער חכם האָט געזאָגט, דער וואָס זייעט גאוה און קריגעריי, דער שניידט זאָרג און חרטה. דער וואָס יאָגט זיך נאָך כבוד, אַנטלויפט דער כבוד פון אים.

## דער לאו פון ״לא תשא״ איז האַרבער פון אַלע לאוין וואָס זענען דאָ אין די עשרת הדברות

**ח. בעל גאוה,** אַ בעל גאוה איז קיינמאָל נישט מודה אויפן אמת און וויל זיין פאַלשקייט מאַכן פאַרן אמת און ער שווערט דערויף, און איז עובר אויף דעם לאו פון **״לא תשא״**.

**הראב״ע,** דער אבן עזרא שרייבט אַז דער לאו איז ערגער פון אַלע לאווין פון דער עשרת-הדברות, ווייל דער וואָס הרג׳עט אָדער גנב׳עט טוט די עבירה אַז קיינער זאָל נישט זען ווייל ער האָט

דאָך מורא פאַר מענטשן, ממילא קער ער נישט עובר זיין דערויף אין אַלע צייטן ווען ער וויל. אָבער דער וואָס איז עובר אויף דעם לאו, שטייט דערביי "**לא ינקה**", דער אויבערשטער וועט נישט ריין לאָזן דעם וואָס שווערט פאַלש און ער האָט דאָך דערפון קיין שום הנאה נישט, און ער איז מחלל דעם אויבערשטנ'ס נאָמען און ער האָט גאָר קיין פאָרכט נישט פאַר דעם אויבערשטן, און די עבירה אַליין איז גענוג צו דערלענגערן דעם גלות ח"ו.

**וכל,** דער וואָס איז געוואוינט אין דער עבירה, דאַרף נעמען אויף זיך, אַז אַלעמאָל ווען ער וועט שווערן אומזיסט, זאָל ער געבן אַ קנס, אַ פרוטה פאַר לימוד התורה, און אויך דער וואָס הערט אַז זיין חבר דערמאנט אומזיסט דעם אויבערשטנ'ס נאָמען אָדער אַ שבועה, דאַרף ער אים דערמאנען אַז ער זאָל געבן אַ קנס אויף תלמוד תורה, און מיט דעם וועג וועט ער זיך ביסלעכווייז אָפּגעוואוינען פון דער שלעכטער רגילות און וועט ניצול ווערן פון גרויסן עונש.

## די שלעכטע מדה פון ווייבער וואָס זענען געוואוינט צו שווערןביים לעבן פון זייערע מענער

**ט. הנשים,** די ווייבער זענען געוואוינט, צו שווערן ביים לעבן פון זייער מאַן און קינדער אויף אַ נאַרישע זאַך. דאָס איז אויך זייער אַ שלעכטער מנהג, ווייל עס איז נישט געמאָלט אַז זיי זאָלן נישט שווערן אַמאָל פאַלש. דעריבער, יעדע פרוי וואָס האָט ליב איר מאַן און אירע קינדער, זאָל זי זיך אָפּגעוואוינען פון די שלעכטע געוואוינהייט.

## די ווייבער האַלטן זיך גרויס, און ווייסן נישט וועגן דעם שאָדן וואָס קומט צוליב דעם.

**י. הנשים,** די ווייבער האָבן גרויס גאוה און ווייסן נישט דעם שאָדן וואָס קומט פון גאוה. דעריבער וועל איך זיי מודיע זיין, כדי זיי זאָלן זיך דערווייטערן פון זינד.

**יש,** עס איז דאָ אַ פרוי וואָס אין איר היים גייט זי אָנגעקליידעט ווי אַ דינסט און אויפ'ן מאַרק גייט זי רייך געצירטע קליידער, און עס איז נישט רעכט אַזוי צו טאָן, נאָר אַן אשה צנועה דאַרף זיך צירן פאַר איר מאַן, אָבער נישט ווען זיי גייט אויף דער גאַס, ווייל עס איז מעגליך אַז אַ מאַן וועט זי באַגעגענען און ער וועט עובר זיין אויף דעם לאו פון "**לא תחמוד אשת רעך**", דו זאָלסט נישט גלוסטן דאָס ווייב פון דיין חבר.

**שום,** קיין נוצן קומט נישט פון גאוה, ווייל זי וויל ווייזן איר גאוה, אַרט עס איר גאָרנישט וואָס איר מאַן האָט נישט. אָבער דער מענטש וואָס האָט שכל, דאַרף זען וואָס פון דער גאוה קען אַרויסקומען.

❖

## וויפיל שלעכטע גזירות זענען געקומען אויף אים צוליב די גרויסהאַלטעריי

**יא. גם,** אויך זאָל דער מענטש אַריינטראַכטען, אין אַלעס וואָס איז פאַראיבער, וויפיל גזירות עס זענען שוין געקומען צוליב די גאוה, ווי עס שטייט אין ספר **שבט יהודה**.

## וועגן צניעות פאַר ווייבער

**יב. יש,** עס זענען דאָ ווייבער וואָס זעצן זיך אויף דער טיר פון דער שטוב צו זייגן דאָס קינד, און נישט בצניעות. אויך זענען דאָ אַזעלכע וואָס גייען אויפגעדעקט די האָר, אָבער דאָס אַלץ איז נישט דרך צניעות. יעדע פרוי דאַרף געדענקען, ווי זי דאַרף אָנקומען צו דער דערבאַרעמדיגקייט פון דעם אויבערשטן, אין דער צייט ווען זי דאַרף געבוירן דאָס קינד. דער אויבערשטער ברוך הוא זאָל זיך דערבאַרעמען אויף אַלע אידישע טעכטער.

**בעל,** אַ בעל גאוה איז אומצופרידן מיט יסורים און טוט נישט טראַכטן צו בעטן דעם אויבערשטן און תשובה טוהן, ער זאָל אים ראַטעווען פון יסורים. און ער ווייסט דאָך אַז חזקיהו המלך איז קראַנק געוואָרן, און עס איז אויף אים נגזר געוואָרן ער זאָל שטאַרבן, האָט ער האָט תפילה געטאָן פאַר דעם אויבערשטן, האָט ער אים פאַרמערט פופצן יאָר צו זיין לעבן.

**שטראָף רייד פאַר מענטשן וואָס קומען אין שוהל אויף אַ מינוט, און דערצו רעדן זיי נאָך די גאַנצע צייט ווען זיי זענען דאָרט. עס איז כדאי אַוועקצושטעלן אַ מענטש וואָס אָנצושרייען די מענטשן וואָס רעדן אינמיטן דאַווענען.**

**יג. רבים,** אַ סאַך מענטשן זאָרגן נישט צו דאַווענען בציבור אַ גאַנצע וואָך, און אויף שבת קומען זיי אין שוהל אַריין אויף אַ רגע צו דאַווענען, און אויך אין דער איינציגער רגע זענען זיי נישט מכוון צו הערן די תפילה פון חזן, און צו ענטפערן אמן, און זיי רעדן דברים בטלים. דאָס איז זייער אַ גרויסע עבירה.

**ולמה,** דער מענטש זאָל זיך אָפּלערנען אַ קל וחומר, ווען ער רעדט מיט אַ מענטש האָט ער אין זינען צו הערן די רייד, און פאַר דעם אויבערשטן ברוך הוא, וואָס אין זיין האַנט איז דאָס לעבן פון אַלע באַשעפענישן, קערט ער זיך אַוועק מיטן נאַקן און רעדט בעסער מיט זיין חבר, איז דען דאָ אַ גרעסערע עבירה פון דעם? דעריבער איז וויכטיג אַוועקצושטעלן אין יעדן קהל, אַ מענטש וואָס זאָל וואָרענען און אָנשרייען דעם וואָס ער רעדט בשעת׳ן דאַווענען.

**כל,** יעדער מענטש וואָס איז נישט מכוון ריכטיג דאָס דאַווענען, דער גלויבט נישט אַז דער אויבערשטער ברוך הוא איז דער משגיח וואָס זעט אַלץ, און ער גלייבט נישט אין שכר און אין עונש.

## נאָך וועגן די שענדליכקייט פון גאוה

**יד. הכלל,** דער כלל איז, יעדער מענטש וואָס האָט גאוה, האָבן אים פיינט דער אויבערשטער און די מענטשן, און אפילו זיינע הויז געזונד האָבן אים פיינט. דער חכם האָט געזאָגט, עס איז זיך צו וואונדערן ווי אַזוי קען דער מענטש זיך גרויסהאַלטן, ווען ער גייט שטענדיג אויף אַ צובראָכענע בריק, ער ווייסט דאָך נישט וואָס מיט אים קען זיך מאַכן, און די גאוה וועט אים נישט העלפן מציל צו זיין.

**הגאוה,** די גאוה איז זייער אַ שווערע קרענק, זי ברענגט דעם מענטש ער זאָל פאַרלירן די וועלט און יענע וועלט. דעריבער, דער וואָס האָט שכל זאָל זוכן אַ רפואה פאַר זיך, איידער די קרענק וועט זיך שטאַרקן אויף אים און איידער ער וועט אַלט ווערן. ער זאָל זיך אויסוועהלן די מידה פון ענוה, וועט ער לאַנג לעבן און האָבן עשירות און כבוד.

## וועגן די מעלה פון די מדה פון ענוה

**טו. מדת,** די מידה פון ענוה איז אַזוי ווי אַ לייטער, אַרויפצוגיין דורך איר צו אַלע גוטע מידות, און זי איז אַן אָנהייב צו אַלע מצוות פון דער תורה. דער יסוד פון ענוה איז וואָס ער איז זיך מכניע פאַר דעם באַשעפער, בשעת עס איז נאָך אין זיין כח, און ער פרייט זיך מיט דעם וואָס דער אויבערשטער האָט אים צוגעטיילט, און אויב ער איז אַן עושר גיט ער אַ לויב און דאַנק צו דעם אויבערשטן וואָס ער האָט אים געהאָלפן צוקומען דערצו, און ער דערקענט די טובות און חסדים וואָס דער אויבערשטער טוט מיט אים יעדע רגע, און אַז ער טוט אַ סאַך מצוות זענען זיי ווייניג אין זיינע אויגן, און אַז מען לויבט אים אויף זיינע גוטע מעשים איז ער זיך מצטער דערויף, ווייל ער ווייסט אַז אַלע מצוות וואָס ער האָט געטוהן זענען נישט גענוג פאַר איין טובה, וואָס דער אויבערשטער ברוך הוא טוט מיט אים יעדן טאָג.

**בעל,** דער וואָס האָט ענוה, יאָגט זיך נישט נאָך כבוד און הנאה פון זיין גוף, נאָר ער איז מכוון פאַר'ן אויבערשטנ'ס וועגן. ער עסט און טרינקט כדי ער זאָל האָבן כח צו דינען דעם אויבערשטן, ער האָט חתונה כדי מקיים צו זיין דעם גאָט'ס געבאָט, און ער קליידט זיך אָן פאַרן אויבערשטנ'ס וועגן, און אַלע זיינע מעשים טוהט ער נאָר פאַר אים.

## ענוה וואָס איז פסול

**טז. יש,** עס איז דאָ אַ מענטש וואָס ווייזט זיך ווי אַן עניו און אַ חסיד, און אין האַרץ האָט ער זיבן אומווערדיגקייטן, און צום סוף ווערט אַנטפלעקט זיין שלעכטיגקייט צו אַלע, און ער ווערט צו אַ שפעטונג, און זיין שאַנדע ווערט נישט אָפּגעמעקט אויף דער וועלט און אוודאי נישט אויף יענער וועלט.

## אין זעקס וועגן דערקענט מען די אמת'דיגע ענוה

**יז. בששה,** דורך זעקס צייכענס ווערט דערקענט די מדה פון ענוה.

**דער** ערשטער צייכן איז, דער וואָס מען איז אים מבייש און ער איז מוחל זיין בזיון.

**דער** צווייטער צייכן איז, דער וואָס עס קומט אים אַ שאָדן אָדער אַ צער און ער נעמט עס אָן מיט ליבשאַפט.

**דער** דריטער צייכן איז, דער וואָס מען לויבט אים אויף זיינע גוטע מעשים און ער איז זיך דערויף מצטער און ער זאָגט, דאָס אַלץ וואָס איך טוה, איז נישט אַפילו ווי אַ טראָפּן קעגן דעם וואָס איך בין שולדיג צו טוהן, אָדער ער שרייט אָן דעם לויבער און זאָגט, עס איז נישט אמת וואָס דו זאָגסט.

**דער** פערדער צייכן, איז דער וואָס דער אויבערשטער ברוך הוא גיט אים עשירות און קינדער און ער איז מצליח און האַלט זיך נידעריג קעגן דעם אויבערשטן און קעגן אָרימעלייט.

**דער** פינעפטער צייכן איז, אַז אויב ער האָט געטוהן צו זיין חבר אַן אומרעכט, איז ער זיך מכניע פאַר אים און ער בעט אים איבער מיט געלט אָדער מיט רייד.

**דער** זעקסטער צייכן איז, דער וואָס רעדט רואיג מיט זיין הויז געזונט און מיט אַלע מענטשן, און ער איז ערליך אין משא ומתן און אין אַלע עסקים. די אַלע זאַכן ווייזן אויף די אמת'ע ענוה.

## נאָך וועגן די מעלה פון די מדה פון ענוה

**יח. בכל,** אין אַלע מידות זאָל דער מענטש גיין אויף אַ מיטעלן וועג, אָבער אין די מידה פון ענוה זאָל ער זיך דערווייטערן ביזן ווייטסטן ברעג. אברהם אבינו האָט געזאָגט **"איך בין ערד און אַש"**. משה רבינו האָט געזאָגט **"וואָס זענען מיר גאָר"**. אין פסוק שטייט **"און משה רבינו איז געווען זייער אַ גרויסער עניו"**.

**יט. וכל,** יעדער עניו איז אַ דערבאַרעמדיגער און אַ סבלן, און ער לערנט פון יעדן מענטש. ער איז דן לכף זכות יעדן מענטש און ער האָט ליב שלום, און אין אַלע זיינע באַשעפטיגונגען זעט ער מקיים צו זיין דעם פסוק **"ואהבת לרעך כמוך"**, דו זאָלסט ליב האָבן דיין חבר אַזוי ווי דיך אַליין.

**כ. הקדוש ברוך הוא,** דער אויבערשטער, געלויבט איז ער, האָט ליב די מדה פון ענוה מער פון די קרבנות, ווייל די ענוה איז דער שורש פון אַלע גוטע מדות.

**דאָס** אַלעס שטייט אין ספר **"אורך ימים"**.

## אַ סאַך ביישפילן ווי אַזוי שפלות איז גורם אַז דער מענטש זאָל געראַטעוועט ווערן פון שאָדן, און נאָך אַנדערע מעלות פון שפלות.

**כא. ובפרקים,** אין די פריערדיגע פרקים האָב איך פיל געשריבן וועגן די מעלה פון ענוה און די שאַנד פון גאוה,

נאָר ווייל דער ספר ״**אורך ימים**״ האָט געשריבן וועגן ענוה, וועל איך דיר אויך ווייזן, אַז דורך די מדה פון ענוה קומט אַרויס לעבן.

**כב. הלא,** דו קענסט זען, ווען אַ האַרטע זאַך פאַלט אַראָפּ פון אַ הויך אָרט ווערט עס צובראָכן, אָבער פּאַפּיר אָדער אַ פעדער פאַלט און ווערט נישט צובראָכן, דאָס איז ווייל זייער גרינגהייט און ווייכקייט איז זיי מציל פון צובראָכן ווערן.

**כג. עוד,** נאָך זאָלסטו וויסן, אַז עס איז דאָ אַן אָרט וואָס אַלע זיבעציג יאָר קומט אַ שטאַרקער ווינט און רייסט אויס בערג, צוברעכט שטיינער, ביימער און הייזער, און מענטשן טראָגט זיי דער ווינט אַוועק ווייט, און אַז די מענטשן דערזעען אַז דער ווינט הייבט אָן צו בושעווען, פאַלן זיי אויף זייערע פנימ׳ער אויף דער ערד און האַלטן זיך אָן אין אַ גרעזל וואָס איז זייער ווייך, קען זיי דער ווינט נישט טראָגן און זיי ווערן ניצול, ווייל דער ווינט געדויערט נישט מער ווי אַ פערטל שעה, אָבער אַלע האַרטע און הויכע זאַכן וואַרפט ער אַראָפּ און צוברעכט זיי און טראָגט זיי אַוועק. און דאָס לערנט דעם מענטש די מעלה פון נידעריקייט, אַז קיין האַרטע זאַך קען נישט בייַשטיין קעגן אַ ווייכע זאַך.

## דער סדר פון די פּטירה פון דעם מענטש פון דער וועלט – פון ספר הזהר

**כד. וכדי,** און כדי אונטערטעניג צו מאַכן דיין האַרץ, וועל איך פאַר דיר שרייבן וואָס די מקובלים שרייבן. יעדער מענטש מוז זיין געוואָרנט צו דינען דעם אויבערשטן, ווייל יעדן טאָג רופט מען אויס, איר נאַראָנים, ווי לאַנג נאָך וועט איר ליב האָבן נאַרישקייט, קערט זיך אום צום אויבערשטן, איר ווילדע קינדער, איך וועל היילן אייער ווילדקייט. אויך די תורה רופט אַזוי אויס, אָבער קיינער פרעגט נישט נאָך אויף איר.

**כה. והרי,** דער מענטש איז דאָך אויף דער וועלט נאָר אַ גאַסט, און ער מיינט אַז ער וועט אייביג לעבן, און וועט בלייבן שטיין אויף דער וועלט אויף דורי-דורות, און ער מיינט אַז די גאַנצע וועלט איז זיינס. ער געדענקט נישט אין דעם טויט און אין דעם יום הדין, ביז ער ווערט פלוצלונג שלאַף און באַקומט שווערע יסורים, און אויב ער האָט אַ מליץ ווערט ער ניצול. דאָס זענען די מעשים טובים וואָס שטייען פאַר דעם מענטש אין אַ צרה און זענען אים מציל, און אויב ער האָט נישט קיין מליץ יושר, פסק'נט מען אים צו ער זאָל שטאַרבן.

**בעוד,** דער מענטש וואָס עפנט די אויגן זעט, אַז עס קומען צו אים צוויי מלאכים און שרייבן פאַר אים אַלץ וואָס ער האָט געטוהן אויף דער וועלט, און יעדעס וואָרט וואָס ער האָט גערעדט ווערט פאַרשריבן, און דער מענטש אַליין איז מודה אויף אַלעמען, און ער זאָגט אין דעם טאָג, אין דער שעה, אויף דעם אָרט האָב איך געטוהן די-און-די עבירה.

**כו. וקודם,** און פאַר זיין טויט אויב עס ווערט נישט געפונען פאַר אים אַ מליץ יושר, קומט דער מלאך המות און שטעלט זיך פאַר אים.

**כז. וכאשר,** און ווען דער מענטש דערזעט אים, כאַפּט אים תיכף אָן אַ ציטערניש אין אַלע איברים פון זיין גוף, און זיין נשמה גייט צו אַלע איברים און נעמט רשות פון יעדן אבר, אַזוי ווי אַ מענטש וואָס גייט אַוועק פון זיין חבר, און עס פאַלט אַ שווייס אויף דעם חולה, און פון יעדן אבר וואָס זי נעמט רשות שטאַרבט דער אבר תיכף.

**כח. באותו,** אין דער דאָזיגער צייט זאָגט די נשמה, ווי איז צו מיר, איך האָב נישט געפונען קיין שום הילף מיך אויסצולייזן פון טויט. מיין רפואה איז נאָר תשובה און גוטע מעשים,

און איידער עס קומט די צייט פאַרכט זיך דער מענטש פאַר דעם מלאך המות און ער וויל זיך באַהאַלטן, אָבער ער קען זיך פאַר אים נישט באַהאַלטן. דעמאָלט עפנט ער זיינע אויגן און דערזעט אים, גיט ער זיך איבער אין זיין האַנט.

**באותו,** אין יענער צייט ווערט דער מענטש גע׳משפט אויף דער וועלט, און ווען זיין נשמה גייט אַרויס פון דעם גוף, שטייט די שכינה ביי אים אויב עס ווערט ביי אים געפונען תורה און גוטע מעשים.

**כט. ואשרי,** און וואויל איז דעם מענטש וואָס באַהעפּט זיך אין דער שכינה און זיין נשמה איז זוכה אַרויפצוגיין צו אַ הייליג אָרט. און ווייי איז צו דעם וואָס איז דערווייטערט פון דער שכינה.

**ל. ובשעה,** און ווען מען טראָגט דעם מענטש צום קבר שטייען פאַר אים אַלע זיינע מעשים, און דריי מלאכים רופן אויס פאַר אים און זאָגן: דער מענטש האָט ווידערגעשפעניגט אין זיין באַשעפער; ער האָט ווידערגעשפעניגט אין די תורה און מצוות; זעט זיינע מעשים און זעט זיינע רייד, בעסער וואָלט אים געווען אויב ער וואָלט נישט באַשאַפן געוואָרן.

**לא. וקודם,** און איידער ער קומט אין זיין קבר ציטערן אַלע טויטע פון זיינעטוועגן און זאָגן, ווייי איז צו דעם מענטש וואָס ווערט באַגראָבן מיט שלעכטע מעשים וואָס ער האָט געטוהן, ווייל די מעשים שטייען ביי אים בשעת זיין שטאַרבן און גייען מיט אים ביז אין קבר אַריין, און דאָרט שטייען זיי ביי זיין גוף.

**לב. וגם,** און אויך די נשמה גייט און שוועבט איבער אים און קלאָגט אויף דעם גוף וואָס זי איז אָפּגעשיידט געוואָרן פון אים.

**און** אַז מען באַגראָבט אים שטייט דער מלאך דומה און פון זיין רשות גייען אַרויס דריי ממונים צו משפט׳ן אים מיט חיבוט הקבר, און

זיי משפט'ן די נשמה מיט דעם גוף צוזאַמען. ווי איז אים אויף זיינע בייזע מעשים.

**לג. וכמה,** און פיל מאל משפט מען דעם מענטשן ווען ער גייט אַוועק פון דער וועלט.

**דער** ערשטער משפט איז, ווען זיין נשמה גייט אַרויס פון גוף.

**דער** צווייטער משפט איז, ווען זיינע מעשים גייען פאַר אים און רופן אויס אויף אים.

**דער** דריטער משפט איז, ווען מען לייגט אַריין דעם גוף אין קבר.

**דער** פערדער משפט איז, דער משפט "חיבוט הקבר".

**דער** פינעפטער משפט איז, דער משפט פון די ווערים.

**און** נאָך דריי טעג וואָס דער גוף ליגט שוין אין קבר ווערט צושפאָלטן זיין בוך און מען זאָגט אים: נעם דיר וואָס דו האָסט געגעסן און געטרונקען און דו האָסט נישט געגעבן צו קיין אָרימאַן.

**און** נאָך דעם דריטן טאָג, משפט מען דעם מענטש אויף די עבירות וואָס ער האָט געטאָן מיט זיינע אויגן, מיט זיינע הענט און מיט זיינע פיס, און דאָס איז ביז דרייסיג טעג.

**ובכל,** אין די דרייסיג טעג, משפט מען די נשמה מיטן גוף אינאיינעם, און דעריבער איז די נשמה נאָך אַלץ אויף דער ערד אַלע דרייסיג טעג, ווייל זי גייט נישט צו איר אָרט.

**דער** זעקסטער משפט איז דער דין פון גיהנם.

**דער** זיבעטער משפט איז וואָס זיין נשמה האָט נישט קיין מקום מנוחה ביז עס לאָזן זיך אויס די טעג פון איר שטראָף.

**די** זיבן דינים פליען און קומען אויף דעם מענטשן. דער סימן דערויף איז "**ויסרתי אתכם שבע על חטאותיכם**", איך וועל אייך שטראָפן זיבן ערליי שטראָף צוליב אייערע זינד. און דעריבער זאָל דער

לעבעדיגער מענטש געבן צו זיין האַרץ צו געדענקען דעם טאָג פון טויט און די זיבן דינים, און ער זאָל זיך צוריקקערן צום אויבערשטן, וועט דער אויבערשטער זיך דערבאַרעמען אויף אים און ער וועט אים מוחל זיין, כדי אים מציל צו זיין פון גיהנם.

**דער מענטש דאַרף מאַכן גרויסע באַמיאונגען ווי לאַנג עס איז נאָך אין זיין האַנט צו פאַרריכטן זיינע מעשים, כדי אַרויסצוגיין פון ריין דער וועלט, אַזוי ווי ער איז געקומען.**

**לד. וכיון**, און ווייל די זיבן צייטן גייען אַריבער אויף דעם מענטשן, דאַרף ער זיך שטאַרק פלייסן דעמאָלט ווען ער האָט נאָך די מעגליכקייט צו פאַרריכטן זיינע מעשים און אַרויסצוגיין פון דער וועלט ריין, אַזוי ווי ער איז געקומען אויף דער וועלט, ווייל ווען ער שטאַרבט קען ער מער קיין מצוות נישט טוהן, אַזוי ווי אונזערע חכמים ז״ל האָבן געזאָגט.

**לה. ויען**, און ווייל עס איז נישטאָ קיין מענטש אויף דער וועלט וואָס זאָל נישט זינדיגן, וועל איך שטעלן אַ וועג, וואָס דער מענטש וואָס וויל תשובה טוהן, זאָל אַריינגיין אין דעם וועג, ער זאָל דורך דעם קענען קומען פאַר זיין באַשעפער אַז ער זאָל זיך דערבאַרעמען אויף אים און זאָל אָננעמען זיין תשובה, און איך וועל וועגן דעם שרייבן אַ באַזונדערן פרק.

❀ ❀ ❀

# פרק שבעה עשר

## הוספה

## נאָכגיין די גוי'שע מאָדעס (סטייל"ס) מיט די מלבושים

**איינער** פון די זאַכן וועלכע דער יצר הרע פאַרלייגט זיך שטאַרק און איז ליידער מצליח גאָר שטאַרק איז די קליידונג פון די פרויען. עס איז כמעט נישטאָ אַ זאַך וואָס די גדולים וצדיקים זאָלן אַזוי שטרענג און שאַרף וואָרענען קעגן דעם, און דאָך איז די גאַס פאַרפלייצט דערמיט, אַפילו ביי היימישע שטיבער. עס איז קיין ספק נישט אַז די הויפט-אורזאַך איז דאָס אומוויסנקייט פון די נשים צדקניות ווי האַרב דער ענין איז. דערפאַר וועלן מיר בקיצור ציטירן וואָס די ספרים שרייבן דערוועגן.

**א)** אידן מוזן זיין אַנדערש מיט זייער קליידונג פון להבדיל די גוים, נישט נאָכגיין די מאָדעס. דאָס איז אַ חיוב מן התורה (יור"ד קע"ה ס"א, רמ"א, וט"ז סק"א, עי' ב"ח שם בשם סמ"ג).

**ב)** די טייערע שיינע מלבושים מיט וועלכע די פרויען גייען אָנגעטוהן ברענגען אַלע צרות פון די גוים, דער גירוש פון פראַנקרייך, שפאַניע, פאָרטוגאַל פון וואו מ'האָט אַרויסגעטריבן אידן, אַלץ האָט געשטאַמט פון קנאה פון גוים צו די קליידונג פון אידן (יער"ד ח"א דרוש ו', שו"ת תשובה מאהבה סי' מ"ז, סידור יעב"ץ אחר ת"ב).

**ג)** דער חטא פון די אידן ביים ערשטן בית המקדש איז געווען ווייל זיי האָבן געגלוסט צו גיין אין די וועגן פון די גוים אַרום קליידונג און צירונג אַזוי ווי זיי. דאָס האָט אויך גורם געווען דאָס אַרויסטרייבן אידן פון שפאַניע, און ליידער האָט זיך די מכה נאָכנישט אָפּגעטוהן (סידור יעב"ץ אחר ת"ב).

**ד)** יעדע מאָדע וואָס די גוים מאַכן און עס איז אין קעגנזאַץ צו צניעות, איז מען עובר דערויף אַן איסור תורה. אַפילו אויב זי מיינט נישט זיך צוצוגלייכן צו די גוים, אַפילו אויב מ׳דערקענט אויף אירע אַנדערע מלבושים אַז זי איז אַ איד נאָר איין מלבוש איז גוי׳יש (שו״ת דברי חיים ח״א יור״ד ל׳, ערך ש״י יור״ד קע״ח, דכ״ת שם ג׳, שו״ת בית שלמה ח״א יור״ד סי׳ קצ״ו). צום ביישפיל רויט אָדער ווייס אָדער געהל (רמ״א קע״ח א׳, פני״מ ח״ב קכ״ב, יפל״ל ח״ז יור״ד קע״ח).

**דאָס** מיינט קליידער וועלכע זענען געמאַכט צו ציען דאָס אויג מיט זייער סטייל אָדער פאַרב, אָדער שמאָלע צוגעפּאַסטע קליידער, קורץ אָדער אויפפאַלענד לאַנג, אַריינגעשניטן (שלי״ץ). בקיצור, יעדע סאָרט וואָס ערליכע אידן זאָגן אַז דאָס איז אַוועקגערוקט פון צניעות, איז אין כלל פון דעם (הצניעות בהלכה, פ״ג, סעיף כ״א).

**ד*)** דאָס זעלבע מיט קליידער וועלכע זענען געמאַכט פאַר שטאָלצקייט אויפרייסעריש (בית שלמה ח״א יור״ד קצ״ו, אבן שלמה על הראב״ן בפתיחה).

**ה)** ביי פרויען מלבושים זאָל מען מאַכן גדרים וסייגים מיט אַלע חומרות און זיך דערווייטערן פון מאָדעס ביזן אַנדערן עק (ד״ח ח״ב יור״ד נ״ח, נ״ט, ס״א).

**ו)** הגאון הצדיק ר׳ שלמה קלוגער זצ״ל ברענגט אַרויס ווי ווייט אידן זענען מחויב צו זיין אָפּגעזונדערט פון גוים מיט זייערע מלבושים, און די וועלכע קליידן זיך ווי זיי נאָכצומאַכן זיי, שרייבט ער אַז זיי האָבן די הלכה פון מומרים און ווערן פאַרגליכן צו גוים (שו״ת טוטו״ד קמא קפ״ד, ודכ״ת קע״ח ד׳, שלחה״ע דף פה:).

**ז)** היינטיגע צייטן זעט מען בחוש אַז דאָס גאַנצע אידישקייט איז אָפּהענגיק אין זיין אָפּגעשיידט פון די גוי׳שע מאָדעס (שו״ת אמרי נועם ח״ב סי׳ ט״ז), און דער וועלכער האַלט גרינג די זאַכן דאַרף מען חושש זיין אויף זיין אידישקייט (שבילי דוד יור״ד קנ״ז).

**ח)** יעדן טאָג קומען פאַר געמישטע חתונות פון אידן מיט גוים רח"ל אויף אַ גרויסן מאסשטאַב. די אורזאַך איז קלאָר דורך דערנענטערן זיך צו די גוים מיט קליידונג און שפּראַך ביז מ'איז זיך משדך. דעריבער דאַרף מען צו קענטעניס נעמען, אַז די עקזיסטענץ פון כלל ישראל איז אָפּהענגיק אין זיין אָפּגעשיידט פון די גוים (צניעות בהלכה פ"ה ס"א).

**ט)** אפילו ווען ס'איז געווען אַ גזירה אַז מ'טאָר נישט חתונה האָבן פאַר די דרייסיג נאָר אויב מ'טוט זיך אָן גוי'שע קליידונג, האָבן די גדולים גע'אסר'ט אָנצוטוהן כאָטש עס האָט זיך געהאַנדעלט פון מענער (שו"ת אמרי אש יור"ד נ"ה).

**י)** חלילה חלילה צו זוכן היתרים און קולות ווען עס האַנדעלט זיך פון גוי'שע מלבושים, ווייל אונזערע זיידעס און עלטער זיידעס האָבן זיך געפירט מיט די גרעסטע האַרבקייט אַפילו איין מלבוש נישט אָנצוטוהן ווי די גוים. אין די אַלע מדינות אַזוי ווי דייטשלאַנד, בעהמען, מעהרן, וואו עס איז געוואָרן פירצות און די מדינות זענען אָפּגעפאָרן פון אידישקייט רח"ל, איז דאָס געווען דער ערשטער גורם, ובפרט היינטיגע צייטן (שו"ת בית שלמה, ח"א, יור"ד סימן קצ"ו).

**יא)** ליידער הערשט אַ גרויסע פירצה, פאַראַן חשוב'ע משפחות תלמידי חכמים וואָס אינדערהיים גייען זיי ווי מ'דאַרף, זומער-צייט ווען זיי פאָרן אינדערווייטנס קענען זיי מיקל זיין און אָנטוהן גוי'שע מלבושים, השי"ת זאָל זיך מרחם זיין (דכ"ת קע"ח י"ט).

**יב)** דער שימלויער רב זצ"ל שרייבט, עס איז אַ פליכט אויף יעדן איד אַכטונג צו געבן אויף די פרויען און טעכטער זיי זאָלן נישט גיין אין אויפרייסערישע קליידער וועלכע ברענגט צו די דריי ערגסטע עבירות כפירה, עריות, רציחה (אבן שלמה על הראב"ן בפתיחה, וכ' הסירו את אלהי הנכר ר"ת של נכר נ'יאוף כ'פירה ר'ציחה).

**יג)** עס איז אַ חוב אויף יעדן רב צו שרייען און ליאַרמען אין זיין שטאָט און מדינה קעגן די וועלכע לויפן נאָך מאָדעס (שו״ת בית שלמה ח״א יור״ד קצ״ז).

**יד)** מען דאַרף שוין אַכטונג געבן אויף די אַלע זאַכן ווען די קינדער זענען נאָך גאַנץ יונג, אַפילו פיצלעך קינדער.

**טו)** עס איז דאָ אַ בריוו פון הייליגן רבי׳ן ר׳ מענדעלע מרימנוב זי״ע (געדרוקט אין אַ סאַך פלעצער) אַז עס איז מקובל פון די הייליגע צדיקים אַז אַלע גזירות מיט פאַרשידענע צרות און קרענק קומט פון דעם וואָס מ׳גייט נאָך די מאָדע פון די גוים ביי קליידונג. יעדע נייע מאָדע ברענגט אַ נייע מחלה (קרענק) אויף די וועלט רח״ל, ובפרט די פרנסות וועלכע ווערן ליידער שוואַכער טאָג טעגליך איז אַלעס פון דעם. (עי׳ ספר מהר״ם מרימנוב ומובא גם בלשחה״ע ח״ב פ״ו).

**טז)** עס איז אויך אַ גרויסער איסור מיידלעך זאָלן נישט גיין גאַנץ קורץ געשניטן די האָר נאָנט צו יונגלעך. דאָס איז אַן איסור פון לא ילבש גבר וגו׳ (שלחה״ע שם).

**יז)** דאָס וואָס מ׳זעט אַ סאַך גייען נאָך די גוי׳שע מאָדעס און זיי לעבן און לאַכן, די ספרים פאַרענטפערן דאָס אַז אַמאָל האָבן זיי אַ זכות פון אַ גרויסע מצוה און אנשטאט געניסן דערפון אויף יענע וועלט באַקומען זיי דעם שכר דערפאַר אויף דער וועלט (עי׳ ב״ק כ׳, לב העברי בענין שערות אשה, יש״מ ר״פ אמור, ראשית חכמה, מנחת שבת ריש הלכות שבת וס״ח בכמ״ק).

**און** אויך ווייל אויב יעדער וואָלט געשטראָפט געוואָרן וואָלט בטל געוואָרן די בחירה. (עי׳ ברכות פרק א״ע רשע וטוב לו, וס״ח בכמ״ק).

❖❖❖

## עטליכע פונקטן פאַר יעדן צו וויסן וועגן קליידער

**עס** איז דאָ עטליכע פראָבלעמען ביי קליידער, אַפילו וואָס די ערליכסטע שטיבער נוצן.

**א.** קליידער טאָרן נישט זיין געקנעפּלט מיט סנעפּ"ס (Snaps) אָדער קנעפּלעך אויף אַן אופן אַז אַ חבר'טע וועלכע שטייט אין די זייט קען אַריינזען צווישן איינס און צווייטן (עס פּאַסירט מער אָפט ביי דאָסטער"ס (פאנדיאלא"ס).

**ב.** עס זאָל נישט זיין דורכזיכטיג ווען מ'שטייט אויף אַ ליכטיג פּלאַץ.

**ג.** די ערמעל זאָלן זיין געהעריג לאַנג און עס זאָל נישט האַלטן אין איין אַרויפשפּרינגען.

**ד.** אויבן ביים האַלז זאָל עס זיין פאַרמאַכט געהעריג פון אַלע זייטן.

**ה.** די לענג זאָל זיין בריווח. נישט ווייס, נישט שיינענדיג אָדער שרייענדיג.

## הוספה לאות יג

### - א -

### אם נוהגין מנהג בזיון בבתי כנסיות ובתי מדרשות - אין הם עתידים להקבע בארץ ישראל

### בית המקדש של מטה מכוון כנגד בית המקדש של מעלה

**איתא** בגמרא מגילה (דף כ"ט ע"א), ואהיה להם למקדש מעט - א"ר יצחק אלו בתי כנסיות ובתי מדרשות שבבבל כו' ר"א הקפר אומר "עתידין בתי כנסיות ובתי מדרשות שבבבל שיקבעו בארץ ישראל", כי בית הכנסת ובית המדרש הוא בית מקדש מעט, וביהמ"ק שלמטה מכוון כנגד ביהמ"ק שלמעלה. ומעתה הרי הם ממש כמקדש עומד על תלו בארץ ישראל, דכל העומד לינטל כנטול דמי. ועיין בשלחן חי (סימן ל"א הערה ג') דקדושת התורה והתפלה הוה כמו ארץ ישראל.

### - ב -

### אם נוהגים בהם בזיון ומדברים בהם דברים בטלים, התפילות הולכים אל החיצונים והרי הם כעובדי עבורה זרה

**איתא** בדרשות חתם סופר (ח"ב דף שע"ט ע"ד) וזת"ד:

אם אנו נוהגים בהם [בבתי מדרשות] קודש אזי הם עתידים לקבוע בארץ ישראל (מגילה כ"ט.) ויש להם גם עתה קדושת ארץ ישראל, והתפלות נשתלחות [משם] לשער השמים... אך אם ח"ו אנו נוהגים בהם בזיון ומדברים בהם דברים בטלים, התפילות הולכים אל החיצונים והרי הם כעובדי עבודה זרה.

**לפי** דברי החתם סופר, בתי כנסיות ובתי מדרשות שלנו הם כבר עתה חלק מארץ ישראל, ויזכו גם להיקבע בארץ ישראל כחלק מבית המקדש השלישי בזמן הגאולה על ידי משיח צדקנו, שיבנה במהרה בימינו.

## - ג -
## המדבר בבית הכנסת מטמא האויר הקדוש כהיונים בשעתם

**מובא** בדרושי הצל"ח לחנוכה (בשם הנוב"י ז"ל), וז"ל: בימים הללו [ימי חנוכה] ראוי ליתן לב לתקן כל הדברים הגורמים לשכינה שתסתלק מישראל, שזה הי' כונת היונים. והנה בעוה"ר בעת הגלות אפס מקום להשראת השכינה, כי חרב בית מקדשנו. והקב"ה ברחמיו השאיר לנו שארית, וכתיב (יחזקאל י"א. מגילה דף כ"ט ע"א) ואהי' להם למקדש מעט, אלו בתי כנסיות [ובתי מדרשות שבבל] ושם השכינה שורה. ואלו המדברים בביהכנ"ס אין לך מורד במלכו של עולם בהיכלו ולפניו גדול מזה. וזה מטמא אויר הקדוש, דוגמת היונים שטימאו המזבח. כי זה מעמיד צלם בהיכל. כי בכל עבירה נעשית קליפה ורוח הטומאה. ובעוה"ר נתפרץ הדבר מאוד. וכ"כ בישמח משה פ' וישב, ח"א דף פ"ג.

## - ד -
## המדבר חולין בבית הכנסת אין לו חלק באלקי ישראל

**במסכת** דרך ארץ איתא שר' חמא אשכחי' לאליהו עם כמה אלפי גמלים טעונים אף וחימה לשלם לאלו המדברים באמצע קדיש או קדושה ובתפילה. ובזוה"ק (פ' תרומה דף קל"א ע"ב) מפורש, כל מי שמדבר חולין בביהכ"נ אין לו חלק באלוקי ישראל, וכל המדבר באלו המקומות עליו הכתוב אומר ולא אותי קראת יעקב. וז"ל הזהר שם: מאן דמשתעי בבי כנישתא במלין דחול, ווי לי' דאחזי פרודא, ווי לי' דגרע מהימנותא. ווי לי' דלית לי' חולקא באלהא דישראל. דאחזי דהא לית אלהא, ולא אשתכח תמן, ולא דחיל מני'. (מי שמדבר בבית הכנסת דברי חול, אוי לו שמראה פירוד, אוי לו שגורע האמונה, אוי לו שאין לו חלק באלקי ישראל, כי מראה [בזה] שאין אלקים, ואינו נמצא שם, ואינו מפחד ממנו).

- ה -

## שני ת"ח נשמות שבאו מעולם האמת לבית המדרש באו בגלגול כדי לענות אמן

**ידוע** המעשה שהי' בצפת תובב"א, בימי ההרים הגדולים איתני עולם, יסודי ארץ מרן רבינו יוסף קארו ורבינו האר"י ז"ל זיע"א. למרן הב"י היתה ישיבה בצפת, ולמדו בה כמאתים רבנים. בימים ההם החל להאיר אור זוהר שמשו של רבינו האר"י ז"ל.

**אירע** פעם אחת, שרבינו יוסף קארו סיים מסכתא בישיבה שלו. לכבוד הסיום הכין מרן כיבוד לכבוד המסובין. להפתעתו הרבה קם רבינו האר"י וביקש רשות לתת לו זכות המצוה של חלוקת הכיבוד. כמובן, שמרן ז"ל אעפ"י שהדבר הי' מוזר בעיניו, בכל זאת מרוב אהבתו וחבתו להאר"י, לא נמנע מלעשות רצונו, אבל הבין שאין הדבר פשוט. לכן שם לבו היטב לכל תנועות האר"י וראה, שבכל סיבוב שכיבד המסובין נמנע לכבד שני תלמידי חכמים שישבו בין המסובין. משראה מרן הבית יוסף שהדבר שונה ומשתלש לא יכל להבליג וקרא את האר"י ז"ל לחדר מיוחד, ושאלו פשר הדבר:

**א.** מה ראה לקום בכבודו ובעצמו להסתובב בין המסובים ולכבדם במיני מטעמים כדי שיעשו ברכה, שזה לכאורה אינו לפי כבודו. **ב.** מדוע בעת הכיבוד נמנע זו הפעם השלישית מלכבד את שני הת"ח שישבו בין המסובים במטעמים כדי שיעשו ברכה.

- ו -

## גודל עניין הברכות ועניית אמן

**האר"י** ז"ל רצה לכתחילה להשתמט מלגלות מסתרו, אבל כדי שלא לסרב לגדול החליט לומר לו את האמת כהווייתו.

**פתח** ואמר: ידע כב' מרן, ששני ת"ח אלו שישבו שם הם נשמות שבאו מעולם האמת לבית המדרש, להשלים מה שהי' חסר להם

בהורדת השפע, עתה ע״י שמיעת הברכות ועניית אמן, שזהו השלמת תיקונם בהורדת השפע בעוה״ז, זוכים לעלות לשורשם בעולם העליון. לכן בקשתי לשמש בעצמי במצוה רמה זו, שהוא תיקון עולמות עליונים למעלה ותיקון נשמות למטה, הורדת השפע לחיים ולמתים לשלימות נפשם בקדושה ובטהרה.

**כששמע** מרן הב״י ז״ל דברי רבינו האר״י, נתמלא שמחה על קדושת הלימוד בישיבתו במלוא הערכה והערצה לרבינו האר״י החי זיע״א.

## - ז -

## שכר העונה אמן שהשפע מגיע אליו בלי טורח

**בימי** הרב בן איש חי זצ״ל, אירע מעשה בבאגדאד, ששני אנשים שמלאכתם הי׳ לקנות בגדים ודברים ישנים, שמעו שיש אצל משפחה אחת (נכרית), לקנות חפצים ישנים. התוועדו ביניהם והלכו יחד לקנותם. בדרך עברו ע״י בית הכנסת שחסר להם עשירי למנין עבור קדיש. אחד מהם השיב שאין לו זמן וממהר ללכת למקום המיועד, ונפרד מחבירו. השני שם בטחונו בה׳ ואמר מצוה הבאה לידך אל תחמיצנה, ונכנס להשלים המנין, ענה אמנים לקדיש ויצא גם הוא לאותו מקום. בהגיעו שמה, ראה שחבירו כבר קנה את כל החפצים , זולת כמה סמרטוטים פחותי ערך, ומרוב שהיו בלויים לא חפץ חבירו לקנותם בשום אופן מפני טורח המשא. בראותו כך, בכדי שלא ילך בידים ריקניות, קנה את כל הסמרטוטים ונשא אותם על שכמו לביתו.

**כשמשמש** הסמרטוטים, מצא ביניהם כר אחד בלוי, פתח את הכר כדי להשתמש בהנוצות ומצא בתוכו מרגלית. הלך אצל סוחר מרגליות, שהעריך את המרגלית בחמשים זהובים ונתן לו את הסכום במזומן. קרא הסוחר על עצמו את הפסוק ״לא העדיף המרבה והממעיט לא החסיר״.

**בבואו** לביתו, כששמעה אשתו שהסוחר נתן עבור המרגלית חמשים זהובים במזומן, התחילה לדבר על לב בעלה, שילך לערער, ויקח את המרגלית בחזרה. החסיד לא ידע מה לעשות, והי' בין הפטיש והסדן ומצפונו געש, באמרו מה שעשה עשוי ואינו חפץ לשנות בדיבורו, אך מרוב הפצרות אשתו החליט לשאול בעצת הרב בן איש חי ע"ה. כששמע הרב את כל המעשה, ענה ואמר: אתה ענית אמן על חצי קדיש שהם חמשה אמנים, וחז"ל אמרו ששכר אמן בעוה"ז הוא עשרה זהובים[א], וחמש פעמים עשר הוא חמשים, הרי נתנו לך חמשים זהובים במזומן בעוה"ז, והקרן קיימת לך לעוה"ב. החסיד יצא שמח ומרוצה.

**למדנו** מכאן כמה גדול שכר העונה אמן שיורד לו השפע ברכה בלי טורח. ועיין בספר מעשה רוקח בפ"ח מהלכות תפילה, ובברכ"י סי' תק"מ, להשתדל ולרוץ כדי לשמוע קדיש.

**מי** יתן והי', שישתדלו על עניית אמנים וקדישים כמו על ריוח איזה פרוטות, על כגון זה נאמר אם תבקשנה ככסף אז תבין יראת ה'.

## - ח -
## לכוון מאוד בעניית אמן ויהש"ר

**יש** לכוין באמירת הקדיש, כי אמרו חכמינו ז"ל (שבת דף קי"ט ע"ב) כל העונה אמן יהא שמי' רבא מברך בכל כוחו קורעין לו גזר דינו של ע' שנה[ב], ופירשו הראשונים, שבכל כוחו, היינו: בכל כח כוונתו[ג]. כלומר, שיאמרם בלב ונפש, ולא רק כמוציא משפתיו ולבו בל עמו. גם

---

א) כפה"נ כוונתו לש"ס חולין (דף פ"ז ע"א), דשכר ברכה אחת (שעונה אחרי' אמן - פירש"י שם ד"ה ארבעים זהובים) הוא עשרה זהובים.

ב) כ"ה (של ע' שנה) בזח"ג כ, א (ברע"מ). תקו"ז בהקדמה (ד, ב). ת"ט (מ, א). זו"ח קיא, ג. רי"ף לברכות פ"ג (כא, ב). רא"ש שם (סי' יט). טור או"ח סנ"ו. שו"ע הרב שם ס"ב.

ג) כ"ה בפרש"י שם (הובא בתוס' שם). וכן פי' רבינו יונה לרי"ף שם, הובא בטור אור חיים סימן נ"ו. שו"ע הרב שם סעיף ב'.

ובתוס' שם (בשם הפסיקתא) פירש "כל בכח" - בקול רם.

יכוין לשמוע הקדיש מפי השליח ציבור, כדי שידע על מה הוא עונה, בפרט אמן יהא שמי׳ רבא ואמן דאחר דאמירן בעלמא. וכל שכן שצריך ליזהר מאד מאד שלא להשיח באמצע קדיש או קדושה.

- ט -

**פגם שיחה בעת אמירת קדיש אמן יהש״ר ושאר ברכות נחקק באדם וניכר בו אפילו לאחר פטירתו**

**בספר** חסידים כתוב, מעשה בחסיד אחד שראה לחסיד אחר כמותו ופניו מוריקות, א״ל, למה פניך מוריקות? א״ל, מפני שהייתי מדבר בשעה שהשליח ציבור הי׳ אומר ויכולו ובברכת מגן אבות וביתגדל!.

**בספר** מטה משה (סי׳ תי״א) הביא בשם מדרש, כי חכם אחד נראה לתלמידו בחלום. ראה התלמיד שהי׳ כתם במצחו של החכם, א״ל, מפני מה אירע לך כך? א״ל, מפני שלא הייתי נזהר מלדבר כשהחזן הי׳ אומר קדיש.

**ואפילו** להרהר בדברי תורה אסור בשעה שהחזן אומר קדיש, מפני שצריך לכוין הרבה בעניית הקדיש.

- י -

**עניית אמן יהא שמיה רבה, מונע הפרעניות מלבוא לעולם**

**בספר** מרכבת שלמה לר׳ ישמעאל כהן גדול (דף ג׳ ע״א בסופו) מובא ענין נורא, וז״ל: אמר ר׳ ישמעאל שח לי ססגיא״ל שר הפנים, ידידי שב בחיקי ואגיד לך מה תהא על ישראל. וישבתי בחיקו והי׳ בוכה והי׳ דמעות יורדות מעיניו ונופלות עלי. אמרתי לו הדר זיוי מפני מה אתה בוכה? אמר לי, ידידי, בא ואכניסך ואראך מה גנוז לישראל עם הקודש. תפסני בידו והכנסני לחדרי חדרים ולגנזי גנזים ולאוצרות ונטל את הפנקסין, הראני אגדות כתובות צרות משונות זו

מזו. אמרתי לו, הללו למי הן, אמר לי לישראל. אמרתי לו, יכולין ישראל לעמוד בהן? אמר לי בא למחר ואודיעך צרות משונות מאלו. למחר הכניסני לבית גנזי גנזין ולחדרי חדרים והראני צרות משונות מן הראשונות וקשות, אשר למות למות, ואשר לחרב לחרב, ואשר לרעב לרעב, ואשר לשבי לשבי. אמרתי לו, הדר זיוי כל כך חטאו ישראל? אמר לי בכל יום מתחדשות גזירות קָשות מאלו, וכיון שנכנסו לבתי כנסיות ולבתי מדרשות ועונין יהש"ר אין אנו מניחין אותן לצאת מחדרי חדרים, עכ"ל.

### - יא -

### פתחו שערים ויבוא גוי צדיק שומר אמונים

**בזוהר** סוף פרשת וילך מובא, וז"ל (מתורגם ללה"ק): כאשר ישראל למטה משמרין לענות אמן ולכוין לבבם כמו שצריך, כמה פתחים של ברכות נפתח להם למעלה, כמה טובות נמצא בכל העולמות, כמה שמחה למעלה. מה שכר להם לישראל שגורמים זה, שכר להם בעולם הזה ובעולם הבא. בעולם הזה, בשעה שדוחקין להם לישראל, ומתפללים תפלה לפני בוראם, הקול מכריז בכל העולמות "פתחו שערים ויבא גוי צדיק שומר אמונים", אל תקרי אמונים אלא אמנים. פתחו שערים - כמו שישראל פותחין להם שערי הברכות, כך עכשיו פתחו שערים ותתקבל תפלתם מאלו שדוחקין להם בעולם הזה. ובעולם הבא מה שכרם, כאשר יוצא האדם מן העולם הזה וכו', נשמתו עולה ומכריזים לפניה פתחו שערים לפניו, כמו שהוא הי' פותח שערים כל ימיו כשהי' שומר אמונים, ע"כ. ועיי"ש עוד מה גודל העונש של מי שאינו נזהר בעניית אמן.

### - יב -

### העונה אמן יהא שמיה רבא כראוי נר"נ שלו מתעלים

**מזוה"ק** (פ' פנחס דף ר"כ) משמע, שעל ידי שמכוון האדם לענות

אמן יהש"ר בכוונה ובכח האיברים, וגם כן בקול רם, מתעלה בזה בבחינת מחשבה דיבור ומעשה, ונפשו, רוחו ונשמתו מתעלים, לכל יצטרך לירד לשאול ח"ו, ואם יצטרך לירד לשאול ח"ו, לא ישתייר שם, רק יעלה מיד. זהו שכרו של אמן יהש"ר.

- יג -

**גדול מעלת אמירת "אמן יהא שמיה רבא" מאלף פעמים "אמן"**

**הג"ר** אליהו לאפיאן זצ"ל, אמר בשם הגרש"ז מקעלעם זצ"ל: הי' כדאי להקב"ה לברוא את העולם למשך ששת אלפים שנה כדי שיהודי יזכה לומר פעם אחת בלבד בכל משך זמן הבריאה "ברוך הוא וברוך שמו". ואלף פעמים ברוך הוא וברוך שמו לא מגיע לגודל חשיבות של אמירת "אמן" פעם אחת בלבד. ואלף פעמים "אמן" לא מגיע לגודל חשיבות של אמירת "אמן יהא שמי' רבא" פעם אחת בלבד.

- יד -

**בשביל עניית אמן פעם אחת במשך כל ימי חייו כדאי אפילו לסבול שבעים שנה יסורי איוב**

**הגר"י** לעווינשטיין זצ"ל הי' אומר בשם הגרש"ז מקעלעם זצ"ל: כדאי לו לאדם להבראות ולבוא לעולם הזה, ואפילו לסבול יסורי איוב שבעים שנה, בשביל שיענה פעם אחת אמן במשך כל ימי חייו (תפלת חנה עמוד ט"ז).

- טו -

**על ידי אמירת הקדיש הראשון של הבן העלו את הנפטר להיכל גבוה מאד**

**להבין** קצת ענינו של קדיש ואמירת אמן, איך שזה פועל להנשמה בעולם העליון, מובא דבר נפלא ונורא בספר י"ג אורות (ע'

פ"ז), מהרה"ק מצאנז זי"ע: לאחר פטירת אביו רבי ארי' לייביש מטארניגראד, אמר: חיפשתי את אבי בגן עדן בהיכל שחשבתי ששם אמצאנו לפי מדרגתו, אך לא מצאתיהו, ולבסוף מצאתיו בהיכל גבוה מאוד. שאלתי לאבי: האיך הגעת עד כה. השיב אבי: על ידי הקדיש הראשון שאמרת העלוני עד פה.

**- טז -**

## מתי אסור ומתי מותר לעבור לפני המתפלל, וכן בקדיש ש"תפסו מעומד" ישאר עומד עד אחר אמן יהש"ר

**כשם** שאסור לעבור לפני המתפלל, כך אסור לעבור לפני מי שהוא אומר קדיש, כמו שאומר בברכ"י. ועיין מנחת אהרן (דף ס"א ע"ג). מיהו נראה, אם זה קדיש דרבנן ויש לזה צורך לעבור לפניו שרי. קדיש שהתחילו לאמרו כשהוא מעומד, כגון קדיש אחר שמונה עשרה או אחר הלל שממילא עמד, ישאר כן עד אחר עניית אמן יהא שמי' רבא כולה.

**כן** יש ליזהר בכל הקדישים, שמזדמן לפעמים שישב בעת שהתחילו לומר קדיש, ועבר זקן או תלמיד חכם וקם מפניהם, צריך שישאר עומד עד אחר עניית אמן יהא שמי' רבא, דמאחר שכבר עמד חשיב תפסו מעומד, (בן איש חי פ' ויחי).

**- יז -**

## לעמוד בקדיש וברכו שבת ערבית שאז עת קבלת רוח ונשמת שבת

**כתב** מהרח"ו ז"ל (הובא בסידור האריז"ל במקומו), לקום בקדיש וברכו דערבית של שבת, ששם קבלת הרוח ומסוגל לשמחה, ועיין שם, וכן בופרוש עלינו וכו', ששם קבלת הנשמה של שבת.